בעזרת השם יתברך

גליון
# קדושת בית המדרש

בענין מורא מקדש ושתיקה יפה בשעת התפלה

יוצא לאור
מדי חודש
בכל שבת מברכים

גליון קכו

שבת מברכים
אייר
תשפ"ה

לעילוי נשמתו הטהורה של עמוד צלותהון ובעותהון דישראל מופת הדור מרן קוה"ק הרה"ק מטאהש
רבינו **משולם פייש**
בן רבי מרדכי סג"ל וצירל
זכותו יגן עלינו ועכ"י

# 'אחד מעיר' אין זכות פון נישט רעדן ביים דאווענען

זיין הארץ האט אויפגעהערט צו קלאפן, ווען ער האט געזען די געסטאפא אויטא דערנענטערט זיך צו אים, עס שטעלט זיך אפ, און דער רוצח רופט אים צו... ביז א געדאנק האט אים אויפגעבליצט, מיט קאלטע רואיגקייט איז ער צוגעגאנגען צו די קאר און באגריסט די אפיצירן מיט געמאכטע פריינטליכקייט, פרעגנדיג אויף א פליסיגע פלעמיש "איך דארפט אפשר עפעס הילף?"

זיין רואיגע האלטונג און שיינע באנעמונג, האט באוואויגן די נאצי אפיצירן אז דאס איז א טיפישער בעלגישער גוי, און אזוי ארום איז זיין לעבן געראטעוועט געווארן.

• • •

נישט איינמאל און נישט צוויי מאל האט ר' יעקב פרידריך ע"ה געזען דעם טויט פאר די אויגן, זיין ראלע אלס פארשטעלטער גוי אין די אקופירטע בעלגיע האט מערערע מאל געהאלטן ביים אויפגעדעקט ווערן, אבער א הימלישער האנט האט געשיצט אויף אים, און ער האט דאס דורכגעלעבט.

דאס איז געווען אין א תקופה ווען אין די היימישע געגענטער אין שטאט אנטווערפען, וואס ווירבלט היינט מיט טויזנטער אידן, האט דעמאלטס געהערשט די נאצי דייטשלאנד אין פולסטן קראפט, אויף די זעלבע גאסן וואס עס יאווענען זיך היינט צוטאגס שטיבלעך און מוסדות התורה, האבן דאן געווילדעוועט די נאצישע הינט, וועלכע האבן נאכשפיאנירט מיט זיבן אויגן יעדן פארדעכטיגטן, וואס קען נאר האבן די מינדעסטע שייכות מיט אידן, אדער איז גאר אליינס א באהאלטענער איד.

די בעלגישע אידן זענען אלע דעפארטירט געווארן קיין מעכעלען, א לאגער צווישן אנטווערפען און די הויפט שטאט בריסל, וואו זיי זענען ביטער געפייניגט געווארן, און פון דארט פארשיקט געווארן צו די גאז קאמערן אין אוישוויץ און נאך פארניכטונגס ערטער לענגאויס פוילן.

דער יד ה' וואס האט באגלייט ר' יעקב פון זיינע יונגע יארן, דורכאויס די ביטערע וועלט מלחמה, און דערנאך עד זקנה ושיבה, איז אויסטערליש. ער האט זוכה געווען צו א סייעתא דשמיא למעלה מדרך הטבע, וואס האט אנגעצויגן ביז צו זיין לעצטן טאג אינעם זעלטענעם עלטער פון 102 יאר, ווען ער איז אנגעגאנגען אין אזא טיפן עלטער, פריש און מונטער, גייענדיג אין ביהמ"ד דריי מאל א טאג אליינס אן קיין באגלייטער, און האט בכלל נישט געדארפט צוקומען צו קיין הילף פון ארומיגע, דאס איז אין צוגאב צו זיין ערליכע משפחה וואס ער האט אויפגעשטעלט, בנין וחתנין רבנן ותלמידי חכמים, לשם לתפארת ולתהלה.

• • •

געבוירן איז ר' יעקב אין יאר תרפ"ב לפ"ק, צו זיינע עלטערן וועלכע זענען ליידער נישט געווען קיין שומרי תורה ומצות. ווען ער איז אלט געווען אומגעפער זעקס יאר, האבן זיך זיינע עלטערן צוטיילט און ער איז געבליבן עלנד אליינס אויף די גאס.

דאן האט אים א קאטוילישע פויער אריינגענומען ביי זיך אין שטוב, מיט'ן ציל אויפצוהאדעווען אלס א פולשטענדיגע קריסט, ער זאל גענצליך פארגעסן זיין אפשטאם היל"ת, אבער בהשגחה פרטית האט אים א געוויסע אידישע פאמיליע פון אנטווערפען געפונען און ארויסגעראטעוועט פון דארט, זיי האבן אים אריינגענומען אין די משפחה געבנדיג גאר אן ערליכע חינוך, און אזוי ארום אפגעראטעוועט לדורות עולם.

ר' יעקב איז אויפגעוואקסן אין אנטווערפען אלס אן ערליכער בחור א ירא ושלם, און וועווענטועל חתונה געהאט מיט זיין חשוב'ע אשת חיל, לעבנדיג א באשיידענע לעבן דארט אין שטאט.

נישט לאנג האט אבער גענומען ביז שווארצע וואלקענעס האבן זיך אראפגעלאזט העכער אייראפע, און איבערגעלאזט אן אייביגע חורבן אויף דעם קאנטינענט, מיט די אויסברוך פון די ביטערער צווייטע וועלט מלחמה. בעלגיע, גלייך ווי אירע שכנות'דיגע לענדער, איז



נדפס ונתפרסם על תנאי שלא לעיין בו בשעת התפלה וקריאת התורה

נישט אפגעשוינט געווארן. די נאציס האבן אינוואדירט אנטווערפען, זעענדיג דעם שטאט אלס א הויפט ציל, נאך וואס דארט געפינט זיך א סטראטעגישע פארט פאר שיפן.

אנדערש ווי אין רוב אנדערע לענדער איבער אייראפע, א שטייגער ווי פוילן, אוקריינע, טשעכסלאוואקיע, ליטא, און אונגארן, וואס די ארטיגע באפעלקערונג זענען נישט געווען קיין קלענערע אנטיסעמיטן ווי די דייטשן, און די נאציס האבן נישט געהאט קיין שום פראבלעם דורכצופירן זייערע ברוטאלע שחיטות אין פובליק. פארקערט, אין מערסטנסטייל איז דאס געווען מיט די פולע קאאפעראציע פון די ארטיגע באפעלקערונג. אבער אין בעלגיע איז די געשיכטע געווען אביסל אנדערש, נאך וואס עס האט מאמענטאל נישט געהערשט דארט קיין אפענע אנטיסעמיטיזם קעגן די אידן, מען האט געלעבט רעלאטיוו גוט מיט די ארטיגע שכנים.

דעריבער האבן די נאציס גענומען אביסל אן אנדערע צוגאנג, כדי צו קענען אויספירן זייערע פלענער. בעפאר די דעפארטאציעס און סיסטעמאטישע מארדן זענען אריין אין קראפט, האבן זיי צוערשט אויפגעבויעט א מאסיווע פראפעגאנדע מאשין און פארפעסטיגט די מוחות פון די בעלגישע באפעלקערונג מיט שנאה און האס אנטקעגן די אידן, ביז צוביסלעך האבן זיך די פירות אנגעהויבן אנצוזען, ווען פאגראמען און געוואלדטאטן זענען געווארן א רוטינע ערשינונג איבער די אנטווערפענע גאסן.

ביי א געוויסע פונקט איז עס געקומען צו דעם אז א מאסע צעווילדעטע גוים האבן זיך אראפגעלאזט צו די היסטארישע 'אוסטען שול', וועלכע דינט נאך ביז'ן היינטיגן טאג אלס די צענטראלע שטאטישע שוהל, און דאס געפלינדערט און חרוב געמאכט און דערנאך אונטערגעצינדן אין פלאמען. די נאציס וועלנדיג געווינען די צוטרוי ביי די אידן פאר זייער ווייטערדיגע פלענער אויסצופירן די מאסן דעפארטאציעס, זענען געקומען צולויפן און פארטריבן די צעיושעטע מאסן, און אפילו ארויסגעשאסן ווארענונגס קוילן אין די לופטן אין ריכטונג פון די ראיאטירער, און דאן אויסגעלאשן דעם פייער...

א שטיק צייט נאך דעם אינצידענט, האבן די נאציס פאראדנט אלע אידישע איינוואוינער זיך צו קומען 'רעגיסטרירן' אין זייערע הויפטקווארטירן, אנגעבליך פאר זיכערהייט אורזאכן. אבער זיי האבן צוגעלייגט אן אומצווייידייטיגע ווארענונג, אז וועלכער איד עס וועט זיך נישט קומען רעגיסטרירן וועט אומגעברענגט ווערן ה"י.

מיט גרויס שרעק זענען אלע אידן געגאנגען צו די באשטימטע צענטערן זיך צו רעגיסטרירן, גלייבנדיג אז דאס איז טאקע פאר זייער זיכערהייט, נאך וואס זיי האבן מיטגעהאלטן די שרעקעדיגע אינצידענטן אויף די גאסן.

איין מענטש איז געווען וואס איז נישט געגאנגען: ר' יעקב פרידריך.

דורך אן אויסטערלישע סייעתא דשמיא, איז ר' יעקב געווואהר געווארן א שטיק צייט פריער פון אן ערשטהאנטיגן מקור, וואס די נאציס פלאנירן צו טוען מיט די בעלגישע אידנטום. דאס האט ער געהערט פון א נאצישע קאמאנדיר וועלכע האט געמיינט אז ר' יעקב איז א דייטש און האט אים אנפארטרויעט מיט זייערע פלענער, וואס האט געלויטעט צו רעגיסטרירן אלע אידן מיט זייערע אדרעסן, און אזוי ארום קענען גרינגערהייט 'אויסריינִיגן' די שטאט פון אידן.

ווי נאר עס איז ארויסגעקומען די אפיציעלע באפעל זיך צו רעגיסטרירן, האט ר' יעקב אויפגעהויבן א וויי געשריי אין שטאט, זיך בעטנדיג ביי די אידן נישט צו גיין, און פארמיידן פון זיך דעם ביטערן אורטייל. אבער ליידער איז שוין די גורל פאר די אנטווערפענע אידנטום געווען פארזיגלט, מען האט אים אנגעקוקט ממש ווי א צערודערטער, די נאציס 'זאגן דאך קלאר' אז זיי טוען דאס פאר די זיכערהייט פון די לאקאלע אידן... און פון די אנדערע זייט האבן זיי געסטראשעט אז מען וועט אומברענגען ווער עס שטעלט זיך נישט.

ליידער זענען כמעט אלע אידן אין שטאט געגאנגען זיך רעגיסטרירן, אויסער ממש עטליכע געציילטע אידן. צווישן זיי ר' יעקב און זיין ווייב.

עס האט נישט גענומען לאנג ביז עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער 'צערודערטער ר' יעקב' איז נעבעך געווען הייליג גערעכט, די נאציס האבן בליץ שנעל דעפארטירט אלע אידן פון אנטווערפען, די גרויסע באן סטאנציע וואס שטייט נאך היינט אין צענטער פון די אידישע געגענט, איז באנוצט געווארן ארויפצוטרייבן אלע אידן אויף די וואגאנען, און זיי פירן צו די 'מעכעלען' לאגער, פון וואו מען האט זיי ענדגילטיג דעפארטירט קיין אוישוויץ, דארט זענען ליידער די גרעסטע מערהייט אומגעברענגט געווארן מיט מיתות משונות על קידוש השם, הי"ד.

ר' יעקב, אנשטאט זיך אויסצובאהאלטן און לעבן אונטערן ראדאר, איז ער געבליבן וואוינען מערסטנס פון די צייט ביי זיך אינדערהיים, פארשטעלט ווי א גוי. דערצו האט אים שטארק ארויסגעהאלפן זיין דייטש-קלינגענדע נאמען, פרידריך, און אזוי זיך ארומגעדרייט אין די עפנטליכקייט.

מער ווי איינמאל האט א האר געפעלט אז מען זאל אים אידענטיפיצירן אלס איד, אבער יעדעס מאל האט אן הימלישע האנט געהיטן אויף אים און ער איז וואונדערליך געראטעוועט געווארן.

נאך די מלחמה, ווען די לעבנס-געבליבענע אידן האבן זיך צוריקגעקערט קיין אנטווערפען, האט ר' יעקב זיך מקריב געווען זיי צו העלפן צוריקשטעלן אויף די פיס, און פארזארגט מיט אלעס וואס האט זיך נאר אויסגעפעלט. ביז צוביסלעך האט די שטאט אנטווערפען, אנדערש ווי רוב אייראפעאישע שטעט, זיך צוריקגעשטעלט אלס אן עיר ואם בישראל.

ר' יעקב איז געבליבן פון די שענסטע דיאמאנטן אין שטאט, אנגייענדיג מיט זיין סדר החיים מיט א פרישקייט, ביז אין טיפן עלטער פון אריבער הונדערט יאר. ער האט זיך אליינס אן עצה געגעבן עד זקנה ושיבה, און צו דארפן צוקומען צו קיינעמ'ס הילף, ביז צו זיין פטירה פאראיאר י"ב תשרי תשפ"ד לפ"ק.


ב"ה
והנני כותב וחותם
יעקב אליעזר בן שבע בינה
פרידריך
J. FRIEDRICH
114 MERCATORSTRAAT
2018 ANTWERPEN

סוף ימיו ווען מען האט אים אנגעפרעגט, וואס עס איז דער סוד צו זיין אויסטערלישע סייעתא דשמיא דורכאויס די אלע יארן פון זיין לעבן, און דערצו די שטוינענדע אריכות ימים, ווען עס איז ממש געווען 'לא כהתה עינו ולא נס ליחו', האט ר' יעקב באלד געענטפערט, און שפעטער דאס פאראייביגט אויף א געשריבענעם צעטל:

"פון ווען איך בין געווארן צען יאר, איז נישט געווען אפילו איינער וואס זאל מיר קענען שטערן אינמיטן דאווענען (ווי ער האט זיך מסביר בעל פה, אז דאס האט ער געמיינט אז מען האט אים נישט געקענט מאכן רעדן ביים דאווענען, אפגעזען די אומשטענדן, ער האט דאס אנגעהאלטן מיט מסירת נפש נישט צו רעדן קיינמאל אינמיטן דאווענען און קריאת התורה), איך בין פארזיכערט אן קיין ספק אז אין דעם זכות בין איך אריבער די תקופה פון די מלחמה אן קיין שום צרות, און ב"ה דערגרייכט זייער א הויכע עלטער, און בלי עין הרע שפיר איך בכלל נישט מיין עלטער (אנגייענדיג מיט א פרישקייט ווי א יונגערמאן)".

יא, ר' יעקב איז געווען א באשיינפערליכע לעבעדיגע פירוש אויף די 'מי שברך' להתוס' יו"ט, וועלכע ערוועגט: "הוּא יְבָרֵךְ אֶת כָּל מִי שֶׁשּׁוֹמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ שֶׁלֹּא לְדַבֵּר בְּעֵת הַתְּפִלָּה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִשְׁמְרֵהוּ מִכָּל צָרָה וְצוּקָה וּמִכָּל נֶגַע וּמַחֲלָה ... וְיִזְכֶּה לִרְאוֹת בָּנִים חַיִּים וְקַיָּמִים וִיגַדְּלֵם לְתוֹרָה וּלְחֻפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים, וְיַעֲבוֹד אֶת ה' אֱלֹקֵינוּ תָּמִיד בֶּאֱמֶת וּבְתָמִים"


צו באקומען דעם גליון פאר
אייער ביהמ"ד שיקט אריין אייער
אינפארמאציע צו:
yisroel@delsangroup.com

אלע מעשיות זענען אמת'ע און באשטעטיגטע געשיכטעס וואס האבן ווירקליך פאסירט. איר קענט אויך איבערגעבן מעשיות וואס האבן ביי אייך פאסירט, אדער וואס איר האט געהערט פון א גוטן, פארלעסליכן מקור און מיר וועלן דאס בע"ה מפרסם זיין.

איבערצוגעבן פארן גליון
מאמרים והערות, ביטע רופט:
514.967.2434

אויב איר ווילן נעמען א טייל אין די גרויסע זכי' צו מפרסם זיין אונזער גליון, ערלויבן מיר דאס נאכדרוקן און פאר־שפרייטן אין ארגינעלן פארמאט לזכות את הרבים. ולמצוה גדולה יחשב!